# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהי'ן ר"ט)

קרח תשפ"א
גליון 46

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פאַר אַלע לעכטיגע קינדער.**

מיר שטייען שוין אין חודש תמוז, לאָמיר זען וואָס דער היילִיגער רבי לערנט אונז אויף למעשה וואָס אונזער עבודה איז אין דעם חודש.

עס איז געווען אַ נביא מיטן נאָמען מַלאָכי. ער האָט אָנגעזאָגט די אידישע קינדער זאָלן גוט געדענקען די היילִיגע תּוֹרָה וואָס משה רבינו האָט אונז געגעבן. דאָס איז דער לשון וואָס דער נביא רופט אויס: "**זִ**כְרוּ **תּוֹ**רַת **מ**ֹשֶׁה", זאָגט אונז דער היילִיגער רבי אַז דער פּסוק איז ראָשי תּיבות "**תַּמּוּז**", דאָס איז חודש תמוז. פרעגט זיך אַ קשיא, וואו איז דער אות ו'? תּמוּז לייגט מען אַזוי אויס: **תּמוּז?**

נאָר די גמרא אין מסכת עירובין (נ"ד.) זאָגט: "אִלְמָלֵא לֹא נִשְׁתַּבְּרוּ הַלּוּחוֹת הָרִאשׁוֹנוֹת לֹא נִשְׁתַּכְּחָה הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל - אויב עס וואָלט נישט צעבראָכן געוואָרן די ערשטע לוחות וואָלט נישט פאַרגעסן געוואָרן די תּוֹרָה פון אידישע קינדער.

קומט אויס אַז אין דעם חודש תּמוּז ווען עס איז צעבראָכן געוואָרן די לוחות, איז אַראָפּגעקומען אַ שִׁכחה, דערפאַר פעלט דער אות ו' פון תּמוּז ווייל אות ו' ווייזט אויף די לוחות - וואָס איז געווען זעקס טפחים די ברייט און זעקס די לענג און ו' איז בגימטריה זעקס.

דערפאַר איז מרומז אין פּסוק זכרו תּורת משה אַז אין דעם חודש דאַרף מען ממשיך זיין דעם זִכּרוֹן, ווייל אין דעם חודש איז צעבראָכן געוואָרן די לוחות.

רבי נתן אין אַ בריוו פון ר"ח תּמוּז שרייבט ער אַזוי: "זאָלסט גוט געדענקען אַלע וואונדערליכע טובות וואָס דער אויבערשטער האָט מיט אונז געטון, זינט די טעג פון משה רבינו פון מתּן תּוֹרָה ביזן היינטיגן טאָג, אַזוי ווי דער רבי האָט אונז שטענדיג געוואָרנט [צו האָבן פאַר אונזערע אויגן דעם זִכָּרוֹן], אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט "זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה", "זָכוֹר אֶת הַיּוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחוֹרֵב", און די וואונדער וואָס דער באַשעפער טוט מיט אונז אין יעדן דור דורך די אמת'ע צדיקים, די בני עליה פון יעדן דור, און בפרט וואָס ער האָט מיט אונז געטון אין דעם דור טראָץ אונזער

אַרימקייט און אונזער פּשוטע עבודות, וואָספאַרא נידריגע אָרט מיר געפינען זיך, האָט אָבער דער אויבערשטער געמאַכט מיט אונז גאָר גרויסע וואונדער, אַז אויך מיר אין היינטיגע דורות קענען נאָך געדענקען פון אויבערשטן און זיין היילִיגע תּוֹרָה (מכתב שנ"ד).

די וואָך איז פּרשת קֹרַח, מען דאַרף וויסן אַז קֹרַח איז נישט געווען אַ פּראָסטער מענטש, קֹרַח מיט זיין געמיינדע זענען געווען גאָר גרויסע מענטשן, זיי זענען געווען בעלי השגה און געהאַט רוח הקודש, אַזוי ווי עס שטייט אין פּרשה "נְשִׂיאֵי עֵדָה, קְרִאֵי מוֹעֵד, אַנְשֵׁי שֵׁם, זיי זענען געווען הויפּט סנהדרין, בפרט קֹרַח אַליין איז געווען פון די גרעסטע לוִים, איז וויאַזוי איז ער אַזוי אַראָפּגעפאַלן צו קריגן אויפן אויבערשטן און אויף משה ואהרן?

רבי נתן איז מסביר אויף עטליכע פּלעצער וואָס איז געווען די פּגם און נפילה פון קֹרַח, לאָמיר נעמען איין נקודה וואָס איז שייך פאַר אונז. (ליקוטי הלכות נט"י לסעודה ו')



יעדער איד נישט קיין חילוק וועלכער סאָרט איד, דאַרף זיין געוואָרנט פון חכמות! מען זאָל זיך נישט האַלטן ווי אַ חכם! ווייל די חכמות פון די וועלט שאַטן זייער, בפרט ווען מען קומט דורכדעם צו מחלוקת ח"ו, כָּל שֶׁכֵּן ווען מען קריגט זיך אויף ערליכע אידן וועלכע זענען פרומער פון מיר, אַלץ ווייל עס דאַכט זיך מיר אַז איך בין דער גרויסער חכם. זאָגט רבי נתן: "דאָס איז מער מזיק פון אַלע עבירות", ווייל מחלוקת און שנאת חנם איז שווערער פון אַלעם, דאָס האָט געברענגט דעם חורבן בית המקדש א.א.וו.

ווילאַנג אַ איד היט זיך פון אַלע סאָרטן מחלוקת אויפן אמת, ער איז זיך מבטל זיין שכל צום דעת פון די תּוֹרָה און די צדיקים, האָט ער אַ אייביגע האָפענונג. אַלעס קען פאַרראַכטן ווערן דורך תּמימות און אמונה שלמה אין באַשעפער און אין די היילִיגע צדיקים.

דאָס איז געווען דער עיקר פּגם פון קֹרַח, ער איז דאָך געווען

המשך אויף זייט 4

# דעם רבי'נס לייט



אַדִּיר אָיוֹם וְנוֹרָא... דער זִיסער הַארְציגער נִיגוּן פון זְמִירוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת. בָּרוּךְ ה' הַיינְט קען דאס יעדער זינגען מיט געפיל, מיט אַלע הֵיילִיגע נִגּוּנִים פון מְלַוֶּה מַלְכָּה, צו בַּאגְלייטְן דעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת. נִישְׁט אֵייבִּיג איז דאס געווען אַזוֹי פָּשׁוּט, אַז מען זאל קענען זינגען אַזוֹי הוֹיךְ און געשְׁמַאק זְמִירוֹת, מען האט גענדַארְפְט פאר דעם אַסאךְ מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

דער קָאמוּנִיסְטִישער פְּלַאן האט געהוֹיבְּן קָאפּ אין רוּסְלַאנְד, מִיטְן נָאמען פון גֶעזֶעץ האבְּן זֵיי אוֹיסְגֶערִיסְן יֶעדעס פִּינְטֶעלֶע אִידִישְׁקֵייט וָואס מען קען נָאר געפִינֶען, נַייע גְזֵרוֹת זענען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן מיט יֶעדְן פְרִימָארְגְן, לֵיידער זענען געווען צְווִישְׁן די הוֹיפְּט קָאמוּנִיסְטְן פִיל אָפְּגֶעפָּארֶענֶע אִידְן, אַזוֹי אַז זֵיי האבְּן גֶעווּאוּסְט פון אִינֶעוֵויינִיג ווי אַזוֹי צו אַוֶועקְמַאכְן יֶעדע גוּטֶע מִידָה. מען האט נִישְׁט גֶעטָארְט פַּארְקוֹיפְן תַּשְׁמִישֵׁי קְדוּשָּׁה, און נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה פאר אַ צְווייטְן, די קִינְדֶער מוז מען שִׁיקְן צו די קָאמוּנִיסְטִישֶׁע שׁוּלֶעס, תּוֹרָה, אֱמוּנָה אין ה' יִתְבָּרַךְ, תְּפִלָּה, ווי אוֹיךְ אַלֶע מִצְווֹת פון די תּוֹרָה איז לֵיידער געווארְן כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ צו מְקַיֵּים זַיין.

אֵיינֶע פון די שְׁוֶוערֶע גְזֵרוֹת איז געווען אַז מען האט נִישְׁט גֶעטָארְט אַרַיינֶעמֶען אין שְׁטוּב אַ מֶענְטְשׁ פון אַן אַנְדֶערְן שְׁטָאט, אַזוֹי אַז ווען עס איז געקוּמֶען אַ גַאסְט אין שְׁטָאט האט יֶעדֶער מוֹרָא גֶעהַאט אִים צו אַרַיינֶעמֶען בַּיי זִיךְ, פון שְׁרֶעק פון די שְׁווַארְצֶע ק.ג.ב. פָּאלִיצַיי. די בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים וָואס פַּחַד ה' איז געווען קֶעגְן זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, האבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ געווען פאר די גֶעוואלְדִיגֶע מִצְוָה פון הַכְנָסַת אוֹרְחִים, און אַרַיינְגֶענוּמֶען גֶעסְט טְרָאץ דעם גְרוֹיסְן גֶעפַאר.

עס האט זִיךְ אֵיינְמָאל גֶעמַאכְט, און דער חָסִיד ר' הִירְשׁ לֵייבּ לִיפֶל ז"ל איז אָנְגֶעקוּמֶען אין די שְׁטָאט מָאסְקְוֶוע - דער גְרוֹיסֶער הוֹיפְּט שְׁטָאט פון רוּסְלַאנְד - פָאר זַיין הִשְׁתַּדְּלוּת צו בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צו קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פון רוּסְלַאנְד קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אָבֶּער וואו וֶועט עֶר אֵיינְשְׁטֵיין? דער גֶעזֶעץ איז געווען אַזוֹי שְׁטְרֶענְג אַז מען האט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן מִיטְן אַרַיינֶעמֶען אַ גַאסְט אין שְׁטוּב, צו וֶוערְן פַארְשִׁיקְט אוֹיף סִיבִּיר ל"ע. אַזוֹי ווי עס איז געווען עֶרֶב שַׁבָּת, האט עֶר צוּגֶעאַיילְט זַיינֶע טְרִיט צו ר' מֹשֶׁה יְרוּסְלַבְסְקִי ז"ל אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד וָואס האט גֶעהַאט מְסִירוּת נֶפֶשׁ פאר די מִצְוָה פון הַכְנָסַת אוֹרְחִים, און איז גְרֵייט געווען צו אַיינְשְׁטֶעלְן זַיין לֶעבְּן, און איז טַאקֶע דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען שַׁבָּת. אַ גַאנְצְן שַׁבָּת האבְּן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן די גוֹיִשֶׁ'ע שְׁכֵנִים זָאלְן נִישְׁט דֶערְזֵיין אַז אַ גַאסְט איז גֶעקוּמֶען, כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט מַסְרְ'ן ח"ו, דֶערִיבֶּער האבְּן זֵיי גֶעזוּנְגֶען שְׁטִיל די זְמִירוֹת, און גֶעפִירְט זֵייעֶר אַיינְגֶעהַאלְטְן די סְעוּדוֹת שַׁבָּת, זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּבְּרֶענְגֶען קַיין אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

ר' הִירְשׁ לֵייבּ וָואס האט גֶעהַאט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, האט גֶעוָואלְט זִינְגֶען און טַאנְצְן לִכְבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, עֶר האט אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט מוז מען הִיטְן דאס לֶעבְּן, מוֹצָאֵי שַׁבָּת האט שוֹין ר' הִירְשׁ לֵייבּ גֶעפִילְט אַז עֶר קען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, ווי קען מען זִינְגֶען די הֵיילִיגֶע נִגּוּנִים פון מְלַוֶּה מַלְכָּה שְׁטִיל און אַיינְגֶעהַאלְטְן? האט עֶר זִיךְ גֶעפְּרֶעגְט צוּבְּרָאכְן, ווען פְּלוּצְלוּנְג איז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּלַאן. עֶר איז אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פון שְׁטוּב און אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן גַאס. בַּיינַאכְט איז די גַאסְן פון מָאסְקְוֶוע פוּל מיט פוּסְטֶע גוֹיִשֶׁ'ע שִׁכּוֹרִים, וָואס



א איד אין אן אלטן ווין קעלער

דְרֵייעֶן זִיךְ אוּן זִינְגֶען אוּן שְׁרֵייעֶן פוּן שִׁכְּרוּת, ר' הִירְשׁ לֵייבּ הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי אַ שִׁכּוֹר, אוּן הָאט גֶענוּמֶען זִינְגֶען דִי זִיסֶע זְמִירוֹת פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה בְּקוֹלֵי קוֹלוֹת אָן קַיין שׁוּם שְׁרֶעק אוּן בּוּשָׁה... הֵן, הֵן אַתָּה תִקְוָתִי, וְלִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי... הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיטְן גַאנְצְן בְּרֶען... מְפַחֵד, מְפַחֵד לְהַצִּילִי.....

וֶוען אֵיינֶער אַ גוֹי אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים הָאט ר' הִירְשׁ לֵייבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ גוּטְן שְׁטוּפּ, אַזוֹי וִוי אַ עֶכְטֶער שִׁכּוֹר... וַוייל לוֹיטְן רוּסִישְׁן גֶעזֶעץ טָאר מֶען נִישְׁט צוּגֵיין צוּ אַ שִׁכּוֹר, אַזוֹי הָאט עֶר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ זִינְגֶען אוּן אוֹיךְ גֶעקֶענְט רֶעדְן דִיבּוּרִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען קֵיינֶער לֵייגְט נִישְׁט אַכְט אוֹיפְן מָאדְנֶעם שִׁכּוֹר וָואס רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיין...

אַזוֹי הָאט ר' הִירְשׁ לֵייבּ גֶעזִינְגֶען דִי אַלֶע נִגוּנִים פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה אוּן הִתְלַהֲבוּת הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל אִין גַאסְן פוּן מָאסְקְוֶוע, אָן קַיין שׁוּם שְׁרֶעק פוּן קֵיינֶעם.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט ר' הִירְשׁ לֵייבּ דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר ר' נַחְמָן יִשְׂרָאֵל בּוּרְשְׁטֵיין זַ"ל אוּן גֶעזָאגְט אַז דִי שִׂמְחָה אוּן חִיּוּת, דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט בַּיי יֶענֶע זְמִירוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיינַאכְט מִיט קוֹלוֹת עַד לֵב הַשָּׁמַיִם, בִּפְרָט דֶעם זֶמֶר "אַדִּיר אָיוֹם וְנוֹרָא" קֶען עֶר גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם זֶמֶר "אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא" בַּיי דִי וֶוערְטֶער " אִישׁ סָחוּ אַחֲרָיו ה' הוּא אֱלֹקִים" הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיבְּן מָאל, ה' הוּא הָאֱלֹקִים, דֶעמָאלְס הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ, אַז אוֹיךְ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינְצִיגֶער נָבִיא ה' צְוִוישְׁן נַיין הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג פַאלְשֶׁע נְבִיאִים אוּן גֶעשְׁרִיגְן ה' הוּא הָאֱלֹקִים. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִינֶען אוֹיפְן גַאס צְוִוישְׁן פִיל שִׁכּוֹרִים, וָואס זֶענֶען בִּנְגִינוֹת שׁוֹתֵי שֵׁכָר, אוּן נָאר עֶר אַלֵיין, זַיין הַארְץ אִיז צוּם הִימְל, מִיט זְמִירוֹת שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.
(אוֹצַר נַחֲמָנִי)



**אִיךְ וִויל פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה'לֶע פַאר דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט**

מִיר קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין ב"ה אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוֹיף דִי בֶּערְג, צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם זוּמֶער צְוִוישְׁן דִי רֵיינֶע לוּפְט אִין דִי קֶעמְפּ אוּן זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דִי רוֹישִׁיגֶע שְׁטָאט. פַאר אוּנְז בְּרֶסְלֶבֶע קִינְדֶער אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מַתָּנָה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַזוֹי גֶעוָואלְט מֶען זָאל גֵיין צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי יִצְחָק אָבִינוּ "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה", אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם אַז דִי גְרָאז אוּן דִי בֵּיימֶער גֶעבְּן אַרַיין אַ כֹּחַ אוּן הֶעלְפְן צוּ צוּ דַאוֶוענֶען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תִּנְיָנָא י"א), פַארְדֶעם וֶוערְן דִי גְרָאזֶעלֶעך אָנְגֶערוּפְן "שִׂיחַ הַשָּׂדֶה" פוּן לָשׁוֹן "שִׂיחָה - רֶעדְן".

אֵיין טָאג בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער אַ גוֹיִשֶׁע שְׁטוּבּ וָואס וואוֹינְט דָא בִּשְׁכֵנוּת פוּן דֶער שׁוּל פוּן אוּנְזֶער קֶעמְפּ, עֶר הָאט דָארְט אַפָּאר גְרוֹיסֶע הוּנְט וָואס שְׁרַייעֶן אוּן בִּילְן זֵיי וַוארְפְן אַ פַּחַד אוֹיף דִי אַרִיבֶּערְגֵייעֶר, דֶער בַּעֲלַת הַבַּיִת פוּן דִי הוּנְט, הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַזֶעלְכֶע אַפַּארַאטְן אוֹיף זֵייעֶר הַאלְז אַז וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן פוּן זֵייעֶר חָצֵר בַּאקוּמֶען זֵיי אַ שָׁאק, דָאס אִיז גֶעמַאכְט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן אוּן שֶׁעדִיגְן דִי דוּרְכְגֵייעֶר. אָבֶּער זֵיי זֶענֶען דָאךְ צֶעוִוילְדֶעוֶועטֶע חֶבְרָה, הָאבְּן דִי הוּנְטִישֶׁע חֲבֵרִים מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרָאפְּצוּרַייסְן דִי מַאשִׁינְקֶעלֶעך פוּן דִי אַנְדֶערֶע הוּנְט, אֵיין הוּנְט טַאנְץ אַרוֹיף אוֹיפְן חַבֶרְ'ס הַאלְז אוּן רֵייסְט דָאס אַרָאפּ אוּן דֶער חַבֶר בַּאצָאלְט אוֹיף צוּרִיק אוּן הֶעלְפְט אוֹיךְ אַרָאפְּרַייסְן יֶענֶעמְ'ס.

אִיךְ גֵיי דָארְט אַרִיבֶּער בִּשְׁעַת דֶעם גַאנְצְן סְצֶענֶע, זֵיי זֶענֶען פַארְ'שִׁכּוֹרְ'ט פוּן פְרֵייד פוּן זֵייעֶר שְׁפִּיצְל וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעטוּן, אוּן נֶעמֶען זִיךְ מִיר נָאכְלוֹיפְן... אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶענוּמֶען מַיין כְּלֵי זַיִן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, תְּפִלָּה, תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אִיךְ רֶעדְט אַרוֹיס אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ פַּחַד אַוֶועק! הִיט מִיךְ אָפּ פוּן דִי צֵיין אוּן נֶעגְל פוּן דִי בַּאנְדִיטְן", גְלַייךְ וֶוען אִיךְ עֶנְדִיג מַיין תְּפִלָּה אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן אַ אִיד אַ בַּאקַאנְטֶער מַיינֶער אוּן מִיר אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין זַיין קַאר, אוּן מִיר צוּגֶעטְרָאגְן וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט גֵיין.

לָאמִיר טַאקֶע אַלֶע קִינְדֶער ווֶעלְכֶע וֶועלְן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם פַאוַוייליְן אִין דִי קֶעמְפְּס אוֹיף דִי בֶּערְג, אוֹיסְנוּצְן דֶעם גוּטְן גֶעלֶעגְנְהַייט אוּן פַארְמֶערְן תְּפִלָּה צְוִוישְׁן דִי גְרָאזְן זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פַארְן גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אוּנְז אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַ יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה, אוּן בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דֶער אֵיינְצִיגֶער קֶענִיג אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן.

**שִׁמְעוֹן, הָארְלֶעוִויל נְיוּ יָארְק**

לגאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די צווייטע מעשה (2)
## דער מלך און דער קיסר

**א. פארוואס האט דער מלך געבויט פאלאצן אויפ'ן ים?**
- ❑ וועגן די לופט פון דער ים
- ❑ ווייל די שיפן גייען דארטן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער מלך געזען אויפ'ן ים?**
- ❑ גרויסע כוואליעס
- ❑ אסאך שיפן וואס זענען אריבער
- ❑ א שיף אהן קיין רודערס

**ג. פארוואס האט דער מלך נישט געהאט א ווייב?**
- ❑ ווייל ווענען ער האט געוואלט האט זי נישט געוואלט, און אזוי אויך פארקערט
- ❑ ווייל ער האט קיינעם נישט געוואלט
- ❑ ווייל קיינער האט אים נישט געוואלט

**ד. וואס האט אים די בת קיסר געזאגט?**
- ❑ אז ער זאל איר שווערן אז ער וועט קיינמאל נישט אנרורן די שיף
- ❑ אז ער זאל איר שווערן אז ער וועט נישט אנרורן די שיף ביז ער וועט איר נעמען כדת
- ❑ אז עס איז רעכט אז ער זאל נישט עפענען די שיף ביז די חתונה

**ה. וואספארא טעם האט זי געזאגט פארוואס ער זאל נישט עפענען די שיף?**
- ❑ כדי מ'זאל נישט זאגן אז ער האט גענומען א פרוי פון מארק
- ❑ כדי מ'זאל נישט זאגן אז ער האט גענומען א רייכע פרוי.
- ❑ כדי מ'זאל נישט זאגן אז ער האט גענומען א חשובע פרוי

**ו. וואס האט דער מלך געבויט פאר די בת קיסר?**
- ❑ פאלאצן
- ❑ גארנישט
- ❑ א גרויסע שיף

**ז. וויפיל פאנעס האט זי געהייסן ברענגען?**
- ❑ צען
- ❑ עלעף
- ❑ צוועלעף

**ח. וואס האט מען געבויט פאר די פאנעס?**
- ❑ איין פאלאץ פאר אלע צוזאמען
- ❑ א עקסטערע פאלאץ פאר יעדע איינע
- ❑ מ'האט גארנישט געבויט פאר זיי

**ט. וואס האבן די פאנעס געטון ביי די בת קיסר?**
- ❑ זיי פלעגן שפילן אויף כלי שיר
- ❑ זיי האבן זיך מיט איר געשפילט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט זי געטון נאכדעם וואס די פאנעס זענען געווארן שיכור?**
- ❑ זי איז צוריק צו איר פאלאץ
- ❑ זי איז איינגעשלאפן צוזאמען מיט זיי
- ❑ זי האט אויפגעבינדן די שיף און אנטלאפן מיט דער שיף

**יא. האט מען געטראפן די פאנעס אין זייערע פאלאצן?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ נאר פינעף

**יב. וואס האבן געטון די טאטעס פון די פאנעס ווען זיי האבן זיי נישט געטראפן זייערע טעכטער?**
- ❑ זיי זענען געגאנגען זיי זוכן אויפ'ן ים
- ❑ זיי האבן פארשיקט דעם מלך
- ❑ זיי האבן אפגעזאגט דעם מלך פון די מלוכה

**יג. וויפיל גזלנים האבן די בת קיסר און די פאנעס געטראפן אויפ'ן ים?**
- ❑ צוועלעף
- ❑ צען
- ❑ עלעף

**יד. וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר די גזלנים?**
- ❑ ענק זענען גזלנים מיט גבורה
- ❑ אונז זענען גזלנים מיט חכמה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וואס האבן זיי געטון נאכדעם וואס די גזלנים זענען געווארן שיכור און איינגעשלאפן?**
- ❑ זיי זענען אנטלאפן מיט די שיף
- ❑ זיי האבן זיי אלע אויסגעקוילט
- ❑ זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טון

**טז. וועלכע בגדים האבן זיי נאכדעם אנגעטון?**
- ❑ קליידער פון צרפת
- ❑ קעניגליכע קליידער
- ❑ מאנסבילשע קליידער דייטש

**און דו בן מלך קום אהער לאמיר אהיים פארין - מיט פיל הצלחה**



צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,
02-5-3333-72
646-518-1095
צו הערן דער געוויינער דרוק נומער 4

צו מנדב זיין פאר דער גליון לכבוד א שמחה / לע"נ
ביטע זיך פארבינדן אויפן טעלעפאן
058-323-3287

המשך פון זייט 1

## דער ריינער קוואל

גָאר גָאר גְרוֹיס אוּן אִיז נֶעבֶּעך אַרַייְנְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת וֶוען עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה - אַלֶעס וַוייל עֶס הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט זַיין דַעַת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן פַאר אַ חָכָם אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין זַיין שֵׂכֶל צוּם דַעַת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶענוּמֶען דִי מַחְתּוֹת פוּן קֹרַח אוּן גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ דֶעק פַאר דִי מִזְבֵּחַ: "אַ זִכָּרוֹן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז אַ פְּרֶעמְדֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְנֶענְטֶערְן... נִישְׁט צוּ זַיין וִוי קֹרַח אוּן זַיין גֶעמֵיינְדֶע.."

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין גוּט צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְן גֶעהֶערְט אוּן גֶעזֶען, מִיר זָאלְן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוּנְטֶערְבֵּייגְן צוּם דַעַת הַתּוֹרָה אוּן צוּ דִי צַדִּיקִים שֶׁבְּכָל דוֹר וָדוֹר, וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן כִּרְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכִרְצוֹן הַצַּדִּיקִים, אָמֵן.

